**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 01/19/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט עפענונג פון ערשטע ניו יארקע קאנאביס געשעפט אין אייגנטום פון א יוסטיץ-פארפלאנטערטער מענטש**

***גרויסע עררייכונג פאר ניו יארק סטעיט'ס קאנאביס אינדוסטריע מיט עפענונג אין מאנהעטען אויף יאנואר 24***

***געשטיצט דורך די ניו יארק קאנאביס געזעלשאפטליכע גלייכקייט אינוועסטירונג קאסע, שטעלט די געשעפט צו מעגליכקייטן פארשנעלערן סטילס און אויפבויען ערשטע געלטער פאר לייסענס האלטער***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די ערשטע באדינגטע ערוואקסענע-באנוץ ריטעיל געשעפט (Conditional Adult-Use Retail Dispensary, CAURD) לייסענס אין ניו יארק סטעיט אין אייגנטום פון א ביזנעסמאן וואס איז אין די פארגאנגענהייט גערופן געווארן א קרימינאל צוליב די קאנאביס פארבאט, און זי האט אויך אנאנסירט אז עס וועט געשטיצט ווערן דורך די ניו יארק געזעלשאפטליכע גלייכקייט קאנאביס אינוועסטירונג קאסע ( New York Social Equity Cannabis Investment Fund), און די געשעפט וועט זיך עפענען אויף 144 Bleecker Street אין מאנהעטען, דינסטאג, יאנואר 24 אום 10:00 אינדערפרי. די עפענונג פון די געשעפט העלפט פאראויס רוקן ניו יארק'ס ציהלן פון גלייכקייט אין קאנאביס לייסענסירונג, גיבנדיג א דין קדימה צו באקומען א לייסענס פאר מענטשן וועלכע זענען געווען פארפלאנטערט מיט די יוסטיץ סיסטעם, נעמליך מענטשן מיט א קאנאביס באשולדיגונג אדער א נאענטע קרוב פון אזא איינעם.

"די געשעפט איז די לעצטעביישפיל פון אונזערע באמיאונגען צו אויפבויען די מערסטע יושר'דיגע און ארייננעמיגע קאנאביס אינדוסטריע אין די גאנצע לאנד", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אזוי ווי מיר זעצן פאר צו ארבעטן צו פארריכטן די אומרעכטן פון די פארגאנגענהייט, קוק איך ארויס צו זעהן נייע געשעפטן – אין אייגנטום פון די וועלכע זענען די שווערסטע באטראפן געווארן דורך די איבערגעטריבענע פאליציי אינפארסירונג פון קאנאביס פארבאט – זיך עפענענדיג בקרוב."

די געשעפט, מיט די נאמען Smacked LLC, וועט זיין אין אייגנטום און אפעראציע פון ראלענד קאַער, און עס וועט שטילערהייט געעפנט ווערן צום ערשט אלץ א 'פּאַפּ-אָפּ' געשעפט ביז פעברואר 20. פונקט ווי אנדערע ערשטיגע געשעפטן וועלכע וועלן געשטיצט ווערן דורך די קאסע, וועט די פלאן גיבן פאר די לייסענסירטע געשעפטן די געלעגנהייט זיך צו עפענען אויף א צייטווייליגן פארנעם צו מאכן שנעלע געשעפטן און אנהויבן אויפטרייבן געלט מיטלען פאר זייערע ביזנעסער, דערנאך וועלכע זיי וועלן זיך פארמאכן פאר די עמטליכע קאנסטרוקציע און דאן זיך צוריק עפענען פאר די לאנגע טערמין.

דער 'פּאַפּ-אָפּ' פראגראם איז אויסגעשטעלט צו גיבן פאר די געשעפט אייגנטימער די ערשטיגע טרענירונג געלעגנהייטן בעפארן זיך פולקאם עפענען, און עס וועט בענעפיטירן אלע ביזנעסער וועלכע

זענען טייל פון די קאנאביס סופליי טשעין, אריינרעכענענדיג די פארמער וועלכע האבן שוין קאנאביס גרייט צו ארויסגעשיקט ווערן, די פירמעס וועלכע ארבעטן אויס קאנאביס עס צו מאכן פאר אנדערע סארטן פראדוקטן, די דיסטריביוּטערס און ריטעיל געשעפט אייגנטימער, און אזוי אויך וועט עס בענעפיטירן די קונדן וועלכע ווילן שוין האבן צוטריט צו זיכערערע פארלעסליכע פראדוקטן.

בעפארן באקומען די לייסענס האט ראלענד קאַנער געהאט און אנגעפירט פראפערטי מענעדזשמענט ביזנעסער אין ניו יארק סיטי פאר פופצן יאר. ער איז יעצט די מענעדזשער פון א האוזינג פראיעקט וואס שטעלט צו צייטווייליגע שעלטער פאר איבער צוואנציג מענער אין די בראנקס. מר. קאַנער עפנט Smacked LLC צוזאמען מיט זיין זון און ווייב. ביים אפּלייען פאר זיין לייסענס האט מר. קאַנער באקומען שטיצע פון די בראנקס קאנאביס האָב וואס איז געגרונדעט געווארן דורך די Bronx Defenders (בראנקס באשיצער) און די בראנקס קאמיוניטי פאַונדעישען צו שטיצן מענטשן וועלכע אפּלייען פאר די ערשטע רונדע פון CAURD לייסענסעס.

**מר. ראלענד קאַנער האט געזאגט,** "איך בין אזוי באגייסטערט צו ווערן טייל פון די היסטאריע אלץ דער ערשטער מענטש צו עפענען א לעגאלע קאנאביס געשעפט אין ניו יארק סיטי. קוקנדיג אויף מיינע ערפארונגען מיט קאנאביס וואלט איך קיינמאל נישט געחלומ'ט אז איך וועל עפענען אזא געשעפט. איך בין דאנקבאר פאר די געלעגנהייט צו עפענען א ביזנעס מיט מיין זון און ווייב ביי מיין זייט און צו קענען אויפבויען רייכטום אין די פאמיליע, ארבעטנדיג צוזאמען דא אין ניו יארק. אבער עס איז נישט בלויז וועגן מיך און מיין פאמיליע. עס איז אויך וועגן יעדער וואס האט געליטן פון די הארבע דראג געזעצן פון די פארגאנגענהייט. ניו יארק'ס איבערגעגעבנקייט צו פארערעכטן די אומרעכטן דורך די געזעץ איז אן אינספיראציע. איך בין א לעבעדיגער באווייז פון די איבערגעגעבנקייט שטייענדיג דא היינט."

**קאנגרעסמאן דען גאלדמאן האט געזאגט,** "איך וויל אויסלויבן גאווערנער האקול און סטעיט בעאמטע פארן אוועקשטעלן די ניו יארק געזעלשאפטליכע גלייכקייט קאנאביס אינוועסטירונג קאסע צו גיבן דין קדימה פאר געלעגנהייטן צו מענטשן וועלכע זענען באטראפן געווארן פון די יוסטיץ סיסטעם. די היינטיגע אנאנס ווייזט אז ניו יארקער זענען אנטשלאסן צו שאפן דזשאבס און געלעגנהייטן פאר קאמיוניטיס וועלכע זענען באטראפן געווארן מער פון אנדערע דורך די אומגלייכע אינפארסירונג פון באשטראפטע קאנאביס געזעצן."

**סטעיט סענאטארשע ליז קרוגער האט געזאגט,** "נאך לאנגע יארן פון ארבעט פון שתדלנים, איז עס א גרויסע פארגעניגן צו זעהן ווי די ערוואקסענע-באנוץ ריטעיל מארקעט הויבט ענדליך אן צו באקומען א צורה, טוהענדיג אזוי זיך קאנצעטרירן זיך אויף גלייכקייט און צו פארערעכטן די שאדנס פון די דורכגעפאלענע 'קריג אויף דראגס'. ניו יארקער האבן יעצט צוטריט צו א זיכערע, שטאנדהאפטיגע און וואקסנדע קאנאביס מארקעט וואס איז איינגעווארצלט אין אן איבערגעגעבנקייט צו געזעלשאפטליכע גלייכקייט. איך וואונטש פיל גלוק פאר מר. קאַנער אין זיין ביזנעס, און איך קוק ארויס צו זעהן פיל מער געשעפטן זיך עפענענדיג אין די נאענטע צוקונפט."

**אסעמבלי מאיאריטעט פירערין קריסטאל פיפלס-סטאָוקס האט געזאגט,** "ווען מיר האבן אריבערגעפירט דעם 'מאריכואנא רעגולאציע און טעקס געזעץ' (Marijuana Regulation and Taxation Act) האבן מיר ארויפגעלייגט די סטעיט אויף די רעלסן צו אויפבויען א נייע קאנאביס אינדוסטריע וואס איז צענטרירט ארום גלייכקייט און וואס ארבעט צו פארערעכטן די שאדנס פון די פארגאנגענהייט. איך בין שטאלץ צו זעהן ניו יארק סטעיט פארזעצנדיג צו פארווירקליכן די פארפליכטונג מיט די עפענונג פון די באדינגטע ערוואקסענע-באנוץ ריטעיל געשעפט אין אייגנטום פון א מענטש וואס האט באקומען א לייסענס באזירט אויף געזעלשאפטליכע און עקאנאמישע גלייכקייט און מיט די שטיצע פון די ניו יארק קאנאביז געזעלשאפטליכע גלייכקייט אינוועסטירונג קאסע."

**אסעמבלי מיטגלידערין דעבארע דזש. גליק האט געזאגט**, "עס דערפרייידט מיך אזוי שטארק אז די דיסטריקט וואס איך פארטרעט וועט זיין די היים צו די ערשטע געשעפט אין אייגנטום און אפעראציע פון א באדינגטע ערוואקסענע-באנוץ ריטעיל געשעפט לייסענסירטער מענטש אין ניו יארק סטעיט. איך אפלאדיר די אפיס פון קאנאביס פארוואלטונג (Office of Cannabis Management) און מר. ראלענד קאַנער פאר זייער דורכגעטראכטע ארבעט מיט די קאמיוניטי און פאר זייער פירערשאפט אין די צייט ווען מיר הויבן אן דורכצופירן די ציהלן וועלכע זענען אוועקגעשטעלט געווארן אין דעם מאריכואנא רעגולאציע און טעקס געזעץ. דאס איז א וויכטיגע טריט פאראויס צו פארזיכערן יושר פאר די וועלכע זענען די שווערסטע באטראפן געווארן דורך די פארגאנגענע קאנאביס פארבאט."

**ריוּבען מעקדעניעל דער דריטער, פרעזידענט און CEO פון DASNY האט געזאגט,** "די נייע סארט ביזנעס דעזיין ברענגט ארויס א וועג וויאזוי די פובליק און פריוואטע סעקטארן קענען ארבעטן צוזאמען צו שאפן געלעגנהייטן פאר פאמיליע רייכטום אין טונקל-הויטיגע און ברוין-הויטיגע קאמיוניטיס און צו אדרעסירן טיף איינגעקריצטע היסטארישע אומרעכטן. דאס איז א וויכטיגע ערגרייכונג אין אונזער ארבעט צו שיקן געלעגנהייטן ארום גאנץ ניו יארק סטעיט, און פיל מער וועלן נאך נאכפאלגן. איך בין דאנקבאר פאר די קאסע פארן אונז ברענגען צו די היינטיגע טאג, און אזוי אויך בין איך דאנקבאר פאר אונזערע קאלעגן אין DASNY און ביי די CBRE וועלכע האבן בייגעשטייערט פון זייער אומשאצבארע שטיצע און מבינות."

**טרעמעין רייט, פארזיצערין פון די קאנאביס קאנטראל באורד, האט געזאגט,** "געשעפטן אין אייגנטום פון אזעלכע סארט מענטשן זענען א פונקטליכע ביישפיל פון אונזער איבערגעגעבנקייט צו בויען א לאנד'ס-פירנדע מוסטער וויאזוי צו אויפשטעלן א יושר'דיגע קאנאביס אינדוסטריע וואס ארבעט צו פארגוטיגן די שאדנס וועלכע זענען פאראורזאכט געווארן דורך די אומגלייכע אינפארסירונג פון די קאנאביס פארבאט. מיר וואלטן נישט געקענט אנקומען צו די היינטיגע טאג אן די שטאנדהאפטיגע שטיצע פון גאווערנער האקול און די לעגיסלאטור, און איך בין ערווארטעט צו זעהן די אינדוסטריע פארזעצנדיג צו גיין פאראויס און וואקסן אין איינשטימונג פון די ציהל פון אונזער סטעיט'ס קאנאביס געזעץ."

**קריס אלעקזענדער, עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון די אפיס פון קאנאביס פארוואלטונג, האט געזאגט,** "ווען גאווערנער האקול האט געעפנט די 'איינזייען געלעגנהייט איניציאטיוו' ( Seeding Opportunity Initiative) לעצטע יאר, האט ניו יארק געמאכט א צוזאג צו ארויפלייגן די אינדוסטריע אויפן וועג מיט די רעכטע פוס, מיט פאמיליע פארמער און די וועלכע זענען די שווערסטע באטראפן געווארן דורך די קאנאביס פארבאט שטייענדיג אין שפיץ. מיר זענען מקיים די צוזאג און מיר עפענען די לעגאלע מארקעט מיט זיכערערע פראדוקטן אויף וועלכע קונדן קענען זיך פארלאזן."

**וויליאם טאמפסאן, פרינציפאל פון די קאסע'ס אלגעמיינע שותף, Social Equity Impact Ventures, האט געזאגט,** "די פובליק-פריוואטע שותפות (Public-Private-Partnership, PPP) איז א ריזיגע אונטערנעמונג און עס איז א נייע און אייגנארטיגע סטרוקטור, א זאך וואס איז נאך קיינמאל נישט געטוהן געווארן בעפאר אינעם לאנד. דאס איז געווען די כוונה פון די פירער אויף די סטעיט שטאפל און דאס איז וואס ווערט עררייכט. די קאסע האט גענומען די לייצעס אין די האנט, באטראכטנדיג טויזנטע לאקאציעס; אויסהאנדלען, אנפירן און אריינגיין אין אלע ליעסעס; אויפזעהן די דעזיין און געבוי פון די פלעצער; און איינפירן עפעקטיווע טרענירונג און אפעראציע פראגראמען צו ארויסהעלפן געשעפט אייגנטימער."

**דעזמאן לוּאיס, פון די גרינדער פון די בראנקס קאמיוניטי פאַונדעישען, האט געזאגט,** "ראלענד קאַנער איז געווי די סארט ביזנעס אייגנטומער און קאמיוניטי פירער וועם מיר האבן פרובירט צו שטיצן ווען מיר האבן געעפנט די בראנקס קאנאביס האָב צוזאמען מיט די Bronx Defenders לעצטע יאר. ניו

יארק'ס לעגאליזאציע געזעץ זאגט צו צוריקצובערענגען דזשאבס און געלעגנהייטן פאר די מענטשן און קאמיוניטיס וועלכע האבן געליטן פאר צענדליגע יארן ווען קאנאביס איז געווען קרימינאליזירט. מיר ווייסן אז די צוזאגן וואלטן נישט מקויים געווארן אן אינוועסטירונג און שטיצע. עס איז נאר פאסיג אז קאמיוניטי פון ארום די גאנצע סיטי און ניו יארק סטעיט זאלן קומען צו די בראנקס – א קאמיוניטי וואס איז באטראפן געווארן מער פון סיי וועלכע אנדערע דורך די קאנאביס פארבאט – צו באקומען די הילף וואס זיי דארפן צו אריינקומען אין די נייע קאנאביס אינדוסטריע."

**פעטריס עדווארדס, דירעקטארין פון די בראנקס קאנאביס האָב, האט געזאגט,** "דאס וואס מר. קאַנער האט עררייכט איז עדות נישט נאר פון זיין אייגענע אנטשלאסנקייט און מוהט, נאר אויך פון זיינע ווירדן. אלץ אייגנטומער פון א קליינע ביזנעס, העלפט שוין מר. קאַנער יעצט זיינע ניו יארקע שכנים צו טרעפן עמערדזשענסי און צייטווייליגע הייזער אין א צייט ווען רענט און וואיקשענס זענען נאכאלץ רעקארד-הויך. יעצט ווייזט מר. קאַנער הצלחה אויף די הבטחה פון די נייע קאנאביס מארקעט צו קענען אויפבויען די פאמיליע רייכטום וואס איז צוריקגעהאלטן געווארן פאר לאנגע יארן דורך אונזערע דורכגעפאלענע דראג געזעצן און פאליסיס. מיר זענען שטאלץ אז די האָב האט געקענט שטיצן מר. קאַנער, און מיר קוקן ארויס צו העלפן פיל מער ניו יארקער ווי אים צו עררייכן די זעלבע הצלחה."

**דזשאָסטין אלדערמאן, עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון די Bronx Defenders, האט געזאגט,** "די Bronx Defenders זענען שטאלץ צו זיין טייל פון אזא היסטארישן עררייכונג פאר ניו יארק סטעיט. מיר האבן אוועקגעשטעלט די האָב מיט איין ציהל: צו פארזיכערן אז ניו יארק איז מקיים איר צוזאג אז די וועלכע זענען די מערסטע געשעדיגט געווארן דורך די קרימינאליזאציע פון קאנאביס וועלן די מערסטע בענעפיטירן פון די לעגאליזאציע דערפון. די סטעיט מוז ארויפבויען אויף די שוואונג דורכן פארזעצן צו אינוועסטירן און שטיצן אינציאטיוון ווי די האָב. עס איז געקומען די צייט צו איבערשרייבן די ירושה פון די 'קריג אויף דראגס'."

די נייע לאקאציע איז טייל פון דעם פראגראם וואס ווערט געספאנסארט דורך די קאסע וואס ארבעט מיט די גזעלשאפטליכע גלייכקייט סערוויסינג קארפארעישן (Social Equity Servicing Corporation, SESC) – אן אונטערשטע אגענטור פון די דארמיטארי אויטאריטעט פון ניו יארק סטעיט (Dormitory Authority of the State of New York, DASNY) – צו שטיצן דאס איינקויפן, דעזיינען, אויפבויען און אויסשטאטן לאקאציעס צו ווערן קאנאביס געשעפטן וועלכע וועלן אפערירט ווערן אונטער CAURD לייסענסעס. אויטאריזירט דורך גאווערנער האקול און די ניו יארק סטעיט לעגיסלאטור, איז די קאסע א פובליק-פריוואטע באגרעניצטע שותפות וואס איז איסגעפארעמט ווערן צו אוועקשטעלן געזעלשאפטליכע-גלייכקייט ביזנעסלייט אויף א פאזיציע צו קענען מצליח זיין אין ניו יארק'ס ניי-געשאפענע קאנאביס אינדוסטריע פאר באנוץ פון ערוואקסענע. די קאסע וואס ווערט פארוואלטעט דורך Social Equity Impact Ventures וועט העלפן יוסטיץ-פארפלאנטערטע מענטשן מיט CAURD לייסענסעס צו פארשאפן די געלטער צו אויפשטעלן ערוואקסענע-באנוץ קאנאביס ריטעיל דיספענסעריס, אריינרעכענענדיג צו טרעפן און ליעסן פאסיגע לאקאציעס פאר די געשעפטן און די דעזיין, קאנסטרוקציע און אויסשטאטונג פון די פלעצער. עס ווערט געשטיצט דורך ביז אזויפיל ווי 50 מיליאן דאלאר אין לייסענסירונג אפצאלונגען און פארדינסטן פון די ערוואקסענע-באנוץ קאנאביס אינדוסטריע און ביז אזויפיל ווי 150 מיליאן דאלאר פון די פריוואטע סעקטאר וואס וועט אויפגעטריבן ווערן דורך די קאסע מענעדזשער. [דרוקט דא צו לערנען מער איבער די קאסע](#).

ביז היינט זענען שוין עטליכע לאקאציעס גרייט געווארן צו אנהויבן דעזיין און ארויסבויאונג פאר CAURD לייסענסירטע מענטשן. די קאסע וועט אנאנסירן אזעלכע לאקאציעס אויף אן אנגייענדן פארנעם.

די CAURD לייסענס איז א צענטראלע זייל פון די ניו יארק סטעיט אייניזייען געלעגנהייט אינציאטיוו. דורך די אינציאטיוו וועלן ניו יארק'ס ערשטע לעגאלע ערוואקסענע-באנוץ ריטעיל געשעפטן אפערירט ווערן

דורך די וועלכע זענען שווערסטע באטראפן געווארן פון די אינפארסירונג פון די קאנאביס פארבאט אדער דורך נאָן-פּראפיט ארגאניזאציעס וועמען'ס סערוויסעס רעכענען אריין שטיצע פאר געווענזענע ארעסטאנטן. די געשעפטן וועלן פארקויפן לעגאלערהייט פאר ערוואקסענע קאנאביס פראדוקטן וועלכע זענען געוואקסן געווארן דורך ניו יארקע פארמער.

כדי צו זיין בארעכטיגט מוז דער אפליקאנט אדער האבן אליין באשולדיגט געווארן צוליב קאנאביס אדער זיין א נאענטע פאמיליע מיטגליד פון אזא איינעם, און זיי מוזן האבן אדער האבן געווען די אייגנטימער פון א ביזנעס מיט פארדינסטן פאר צום וויניגסטנס צוויי יאר. נאָן-פּראפיט ארגאניזאציעס זענען בארעכטיגט פאר CAURD לייסענסעס אויב זיי האבן א היסטאריע פון צושטעלן סערוויסעס פאר יעצטיגע אדער געוועזענע ארעסטירטע מענטשן, אריינרעכנענדיג זיי גיבן ארבעט'ס געלעגנהייטן; האבן צום וויניגסטנס איין באורד מיטגליד וואס איז אליין פארפלאנטערט געווען מיט די יוסטיץ סיסטעם; צום וויניגסנטס פינף פול-טיים ארבייטער; און האבן אפערירט א געזעלשאפטליכע קערפערשאפט וואס האט געהאט פארמעגנס אדער פארדינסטן פאר צום וויניגסטנס צוויי יאר.

###

נאך נייעס איז דא צו לייענען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן